STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01590

HESHVNDIKE NEKHT

Kadia Molodowsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַדי מאָלאָדאָווסקי

חשוונדיקע נעכט

לידער

1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

K. Mołodowski. — „Cheszwendike necht“ (Wiersze)
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

זייט

חשוונדיקע נעכט 5
פרויען־לידער 11
אפגעשיטע בלעטער 20
אַטהאַצק 33
בעסקידן 42
אין בלויען באַגינען 49
ס'איז הייגט אַ שטילער טאָג 61
דאָ־שט. 68
תפילות. 73
אַ מצבה 76
ליים־גרונט. 82
אָרעמע ווייבער 90

חשוונדיקע נעכט.

I

אין חשוונדיקע נעכט
קומען דאגות אָן, ווי מידע פערד
מיט שווערע קעפּ,
און שלעפּן זיך הינטער די פענסטער פון די הייזער.
שלאָפן ניט חלאים
און טראַכטן וועגן נאַסער ערד,
און אַלטע פּילן פוילקייט אין די ביינער,
און מיידלעך האַלטן פּנימער אויף ווייסע רונדע הענט
און פענסטער פאַרבאַהאַלטן זיך אין גרויע נאַסע ווענט.

II

אין רעגנדיקע נעכט פארטראָג איך ניט
קיין פענסטער ליכטיקע און קיין לאַמטערן.
גיי איך צו דער נידעריקער טייל פון שטאָט אראָפּ,
וואו ס'וואוינען מיינע אָרעמע תלמידים,
און דאָרטן ביי אַ טאַפּטשאַן פאַרן מילכיקן געפעס
עס אָפּ מיט זיי אַ שווארצן לינזן־זופּ.
און לייג זיך שלאָפן מיט דריי קעפּלעך קליינינקע
איינס אונטערן אנדערן ווי טרעפּ
אונטער אַן אלטן שעפּסן פעלץ
און ס'לויפט דער רעגן מיט פיסלעך באָרפיסע איבערן דאַך־
גאָר נידעריק איבער אונזערע קעפּ.

III

אין נעכט אזוינע קען איינשלאָפן אַ פרוי
נאָר לעם אַ קליינעם קינד,
ווען זיינע הענטלעך זענען צוגעטוליעט צו איר ברוסט,
ווי קליינע הינדעלעך.
און טאָמער ניט —
הערט זי קינדער וויינען נאקעטע אין גאַס
און קלאַפּן אָן מיט קליינע פינגערלעך א סך אין שויב
און בעטן זיך מ׳זאָל זיי ברײנגען אין אַ הויז.

IV

אין חשוונדיקע נעכט איז מיין היימיש שטעטל גאַרניט אזוי ווייט
און מיין מאַמעס קבר טוט ניט אזוי באַנג.
ס'צערינט דער הימל זיך
און ס'ווערט די ערד אַן אָפּענע פּאר יעדער טרער
און בלעטלעך באַ דער ערד
בעטן זיך אליין צום טויט,
און איך בעט אויך עפּעס
מיט נאס־געוואָרענעם געזיכט
און שטילע רייד.

V

נעכט אזוינע זענען אַלע יאָרצייט נעכט.
און ס׳ציטערן די שטערן,
ווי אָנגעצונדענע מיט אָבלדיקע הענט
און ס׳חלומען זיך מאַמעס אָפּגעשטאָרבענע אין פריער צייט,
ברענגען זיי רפואות צו א קראַנקן בעט,
און לאָזן אויף אַ גאַנצן יאָר אַ פרייד,
אַן איינציק אויסגערעדטן וואָרט.

VI

ס׳איז גוט אין רעגנס הערבסטיקע
אַרומגיין אויף אַ טונקעלער גאַס,
און לאָזן מיטלויפן דעם בליק מיט וואָלקנס
הינטער אַ משופּעדיקן דאַך,
און ווי דער רעגן דראָבניטשקע און אייביק לאַנג,
פּלאָנטערט זיך אויף הין און צוריק,
אויף הין און צוריק
פון לאַנג שוין אַ דערעסענער געדאַנק.
די פיס וועלן ממילא גיין שוין אין די קאַליוז׳עס פון נעץ,
די הענט אין ביידע קעשענעס פאַרזעצט
און אַט אַזוי ווי לאַנג?
אייביק, ווי אַ פאַמעלעכדיקער רעגן,
און אַ דערעסענער געדאַנק.

1924

פרויעז־לידער

I

עס וועלן די פרויען פון אונזער משפחה באַנאַכט אין חלומות
מיר קומען און זאָגן:
מיר האָבן אין צניעות אַ לויטערע בלוט איבער דורות געטראָגן,
צו דיר עס געבראַכט ווי אַ וויין אַ געהיטן אין כשרע קעלערס
פון אונזערע הערצער.
און איינע וועט זאָגן:
איך בין אַן עגונה געבליבן ווען ס'זענען די באַקן
צוויי רויטלעכע עפּל אויף בוים נאָך געשטאַנען,
און כ'האָב מיינע ציינער די ווייסע צעקריצט אין די איינזאַמע
נעכט פון דערוואַרטונג.
און איך וועל די באָבעס אַנקעגן גיין זאָגן:
ווי הערבסטיקע ווינטן יאָגן נאָך מיר זיך
נגונים פאַרוועלקטע פון אייערע לעבנס.
און איר קומט מיר אַנקעגן,
וואו די גאַס איז נאָר טונקל,
און וואו ס'ליגט נאָר אַ שאָטן:
און צו וואָס אָט דאָס בלוט אָן אַ טומאה
ס'זאָל זיין מיין געוויסן, ווי אַ זיידענער פאָדים
אויף מיין מוח פאַרבונדן,
און מיין לעבן אַן אויסגעפּליקט בלאַט פון אַ ספר
און די שורה די ערשטע פאַרריסן?

II

צו דעם וועל איך קומען,
ווער ס'האָט דער ערשטער מיר מיין פרויען פרייד געבראַכט
און זאָגן: מאַן,
כ'האָב נאָך איינעם מיין שטילן בליק פאַרטרויט
און אין אַ נאַכט לעם אים מיין קאָפּ געלייגט,
ערשט האָב איך מיין צער,
ווי בינען אָנגעשטאָכענע אַרום מיין האַרץ געבראַכט
און האָב קיין האָניק ניט אויף לינדערן מיין וואונד.
און ס'וועט דער מאַן מיר נעמען פאַרן צאָפּ,
וועל איך אַנידערברעכן זיך אויףביידע פיס
און בלייבן אויפן שוועל ווי די פאַרשטיינערונג פון סדום,
איך וועל די הענט ארויפהויבן צום קאָפּ,
ווי ס'פלעגט מיין מאַמע טאָן ביים בענטשן ליכט,
נאָר ס'וועלן מיינע פינגער שטיין ווי צען געציילטע זינד.

III

אמאָל איז א שטיינערנער טרעפ אזוי זים ווי א קישן,
אז כ׳לייג זיך אנידער לענג אוים אויף זיין קאלטקייט,
ווען כ׳קאָן נישט דערטראָגן צום שטאָק צו דעם דריטן,
מיין קאָפּ מיט די דינע פאַרטריקנטע ליפּן.
כ׳בין דעמאָלט אַ שטילע פאַרחלושטע מיידל,
וואָס שאַרט זיך אָן דר׳ערד מיט פארגליווערטע גלידער,
און בלייבט ערגעץ ליגן
אליין באַדערנאַכט אויף די שטיינערנע שטיגן.

1924

IV

דעם שפּיגל מוז איך אָפּקערן,
עס זאָל מיין פּנים איצט אין שטילער נאַכט
אויף מיר ניט קוקן מיט שטייפע ליפּן:
איך וועל שוין ניט באַרעכענען וואָס כ'האָב ביז איצטער ניט באַרעכנט.

שאָקל איך דעם קאָפּ אַנטקעגן וואַנט,
ווי צו אַ לעבעדיקן מענטשן וואָס באַדויערט,
ווי צו אַן אַלטן גוטן פריינט.
אין שטילקייט פון דער נאַכט איז גאַנץ ענגאַל
צו כ'בין גערעכט צו אומגערעכט,
עס זיינען מיינע ברעמען שווער און נאָך נישט אויסגעלאָרן,
און ס'ציען זיך די גלידער מיינע צו דער ערד,
אויף שטומער אַנפֿאַרטרויאונג צו איר אוראַלטן געוויסן.

V

לאנג און מילד זענען די תמוז — אָביקע באַגינענס,
ווען כ'האָלט מיין קאָפּ דעם וואַכן
אויף אַ ברוינער אָפּגעבּרענטער האַנט:
מאַן,
איך האָב לעם זיך פאַר דיר אַן אָרט און אָפּגעהיטן,
פאַר מיר האָב איך ניט אָפּגעהיט קיין רו און אָרט.
דורך צוגעמאַכטע אויגן פאַלן לאַנגזאַמער און וואַרימער די
טרערן,
און שטילקייט לייגט זיך אויס,
ווי העזלעך דרימלענדיקע ארום בעט,
אַט וועט דער טאָג אין ערשטן רוף טאָן
און אַלע וועלן זיך צעלויפן
און איך וועל אויפשטיין צו אַ שווערן לאַנגן וועג.

1926

VI

פאר כלות אָרעמע וואָס זענען דינסט מיידלעך געווען,
צאפּט די מוטער שרה פון פעסער טונקעלע
און קרוגן פונקלדיקן וויין.
יועמען ס׳איז אַ פולער קרוג באַשערט,
טראָגט די מוטער שרה אים מיטביידע הענט,
און וועמען ס׳איז באַשערט אַ בעכערל אַ קליינס
פאַלט דער מוטער שרה׳ס טרער אין אים אַריין.
און פאר גאַסן־מיידלעך
ווען ווייסע חופּה שיכלעך חלומען זיך זיי,
טראָגט די מוטער שרה האָניק לויטערן,
אויף קליינע טעצעלעך,
צו זייער מידן מויל.
פאר כלות אָרעמע, פון אַ מיוחסדיקן שטאַם
וואָס שעמען זיך דאָס אויסגעלאַטעטע וועש
ברענגען צו דער שוויגער פארן אויג,
פירט די מוטער רבקה קעמלען אָנגעלאָדענע
מיט ווייסן לייוונט — ליין.
און ווען די פינסטערניש שפּרייט אויס זיך פאַר די פיס,
און ס׳קניען אַלע קעמלען צו דער ערד צו רו
מעסט די מוטער רבקה לייוונט אייל נאָך אייל
פון די פינגערלעך פון האנט
ביזן גאָלדענעם בראַסלעט.
פאַר די וואָס האָבן מידע אויגן

פון נאָכקוקן נאָך יעדן שכנותדיקן קינד,
און דאַרע הענט פון גאַרן
נאָך אַ קליינעם קערפּערל אַ ווייכס
און נאָך אַ ווינקל פון אַ וויג,
ברענגט די מוטער רחל היילונגס בלעטער
אויסגעפונענע אויף ווייטע בעגג,
און טרייסט זיי מיט אַ שטילן וואָרט,
ס'קאָן יעדע שעה נאָך עפּעס דאָס צוגעמאַכטע טראַכט.
צו די וואָס וויינען אין די נעכט אויף איינזאַמע געלעגערס,
און האָבן ניט פאַר וועמען ברענגען זייער צער
רעדן זיי מיט אויסגעברענטע ליפּן צו זיך אליין,
צו זיי קומט שטיל די מוטער לאה
האַלט ביידע אויגן מיט די בלייכע הענט פאַרשטעלט.

VII

איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ,
ווען ס'וואַקסט אונטער אַ שטיין אַ גראָז פון דר'ערד
און ס'בעט דער פרישער מאָך אַ גרינע קישן אויס
אונטער אַ שאַרבן פון אַ טויטן פערד
און אַלע גלידער פון אַ פרוי בעטן זיך צו ווייטאָק פון געבורט,
און פרויען קומען און לייגן זיך ווי קראַנקע שאָף
ביי קרעניצעס אויף היילן זייער לייב,
און האָבן שוואַרצע פנימער
פון לאַנגיעריקן דאָרשט צום קינד'ס געשריי.
איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ,
ווען בליצן שניידן אויף מיט זילבערנע חלפים
די שוואַרצע ערד,
און פרויען שוואַנגערע צו ווייסע טישן פון שפּיטאָל
קומען צו מיט שטילע טריט
און שמייכלען צום נאָך נישט געבאָרענעם קינד
און אפשר נאָך צום טויט.
איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ,
ווען ס'וואַקסט אונטער אַ שטיין אַ גראָז פון דר'ערד אַרויס.

VIII

אין נעכט ווען איך בין וואך,
און ס'קומען צו מיר טעג מיינע פארגאנגענע
זיך פאר די אויגן שטעלן,
קומט פאר מיר מיין מאמעס לעבן.
און אירע אויסגעדארטע הענט
אין צניעותדיקע ארבל פון נאכט העמד איינגעהילט
ווי א גאנץ פארכטיקע שריפט אין ווייסע גווילים
און ס'בייזערן זיך ווערטער פון המפיל,
ווי פייערדיקע קוילן געלאשן פון איר שטיל געבעט
און אויסגעטריקנט איר דאס מויל
ווי א פארדארטע פלוים.
און ס'קומען אירע טרערן ווי א קארגער־איינציקער־אפג־
דיקער רעגן,

און ערשט, אז כ'בין אליין א פרוי
און גיי אין ברוינעם זייד געקליידט
מיט בלויזן קאפ
און נאקעט האלז,
און ס'האט דער אומגליק פון מיין אייגן לעבן מיך דעריאגט
און ווי א קרא,
אויף א קליין הינדעלע ארויפגעפאלן,
איז אפט פאלויכטן העל מיין צימער אין די נעכט,
און כ'האלט די הענט איבער מיין קאפ פארווארפן
און ס'זאגן מיינע ליפן א שטילן איינפאכן
געבעט צו גאט
און ס'קומען טרערן, ווי א קארגער־איינציקער־אפגדיקער רעגן.

1925

אָפּגעשׂיטע בלעטער.

I

ווערטער אָפּגעזאָגטע — אָפּגעשיטע בלעטער,
זאָל דער ווינט צעטראָגן אייך,
און זאָל איך אייך פאַרגעסן.
וועל איך בלייבן ווי אַ בוים אַ ווינטערדיקער,
אונטער צוגעמאַכטע אויגן, שטיל
און שווייגן.
אי וועט איינוויגן די נאַכט מיר אי־לו,
אי וועט איינוויגן די פינסטערניש מיר אי־לו.
נאָר די הענט מיינע די ווייסע
וועלן אויפכאַפּן זיך, וועקן,
זיי ווילן נאָך ארומנעמען אַ לייב אַ וואַרימע
און אַ געטרייע.
אָט די הענט מיינע די ווייסע.

II

אַן אַלטער סדור ליגט פאַר מיר,
מיט בלעטער געלע איינגעבויגענע אין ראַגן.
בא תחינות וועגן טל און מטר
בא דער עקדה יצחק׳ס
און בא דעם ברענענדיקן קאַלעסאויוון פון נמרוד,
עס זענען טרערן דאָרט געפאַלן שטילע,
און ווייך געמאכט דאָס בלאַט,
ווי ווייך אַ האַרץ ווערט בא אַ תחינה,
און יהי רצונ׳ס אַלע זענען אויסגעטייטלט מיטן פינגער.
און שוואַרץ פאַרלאָפן פון דעם זיבנמאַליקן זאָגן.
איז ווער וועט איצטער דעם סדור גאָטס־פאַרכטיק
אונטערן אָרעם טראָגן?
און ווער וועט איבערמישן געלע בלעטער?
אפשר גאָר זאָל איך אים נעמען אויף מיין גרין געדעקטן טיש
אַוועקלייגן אין מיטן,
און ווען אַ טריקעניש וועט פאַלן אויף מיין האַרץ
דעם סדור נעמען צו די ברענענדיקע ליפן.

III

א גרוס י. ג.

עס איז אַ שיין געפאַלן אויף מיין פּנים.
איך האָב דערמאָנט זיך מיינע איין און צוואַנציק יאָר.
א שורה פייגעלעך האָבן צעפלאַטערט זיך ארום מיין קאָפּ
און פעדעם גאָלדענע אין מיינע האָר.
און ווייך געוועזן איז אומעטום די ערד פאַר מיינע פיס.
פון ברעזע ביז אַרעס.
אין בליענדיקן מויל האָט שוואַרצער ברויט געשמעקט
ווי פרילינג
און ווי פרימאָרגנדיקער טוי.
אף יעדען וועג האָט שוין אַ שטיין געוואַרט
א ברייטער און א נידעריקער ווי א דייזשע אויף דער ערד.

אוועקגעוואָרפן אויף אים די שיך און זאָקן
און דעם הוט.
און מיטן בלויזן קאָפּ אַ בוק טאָן זיך
צו הייסער זומערדיקער ערד,
צו זון, צו זיך אַליין,
און ווי אַ גלאָק צעלאַכן זיך
כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ,
איבער דעם יום־טובדיקן וועג.
מר גוטמאַן, שווערער שמייכלענדיקער בער,
ס׳איז אומעטיק מסתמא איצטער אייך,
צווישן הויכע דייטשקעס,
און בוטערבראָדן אין בערלין,
דערגייין אין שווערע ביכער
דעם אָנהויב און דעם סוף
פון אונזער אומעטיקער וועלט.
פון מיר איז דאָ צו זאָגן:
כ׳האָב אָנגעצויגן ביידע הענט ווי לייצעס,
און צי דעם וואָגן.
מיט מיר צוזאַמען איינגעשפּאַנט
אַ דרייסיק קינדערלעך פון נידעריקע גאַסן.
מיר וויינען אָפט,
מיר לאַכן אָפט,
מיר הויבן שווער דעם ליבן אַלטן אלף בית
אין מאַדישע און לאַנגווייליקע קלאַסן.

נעמט צו מיין דאָזיקן גערוס,
ווי פּולע הויפנס צוויי אדעסער לייכטן זאמד,
וואָס פאלן אומגעריכט אין קאָפּ,
און טרעפן
אין ביידע אויערן, אונטערן קאָלנער
און ווער ווייס וואו נאָך.

IV

ווייל די נעכט זענען לאַנגע
און זענען פינסטערע,
האָב איך מורא פאַרן קומענדיקן ווינטער.
איך וועל איינפּרירן אין ערגעץ אין אַ צימער
אַ גרויסשטאָטישן אַ שאָטנדיקן
און וועל ניט אויסציען די גלידער מיינע
פאַר דער זון,
אָדער פאַר פרייד.
דעריבער האָב איך מורא פאַרן קומענדיקן ווינטער.

V

ביידע גליקלעך עטעמען
דער שלעפער און זיין הונט.
אויף הייסן טראַטואַר
איז גוט צו איינשלאָפן,
די זון גייט נידעריק אַראָפּ
דערוואַרעמען די פּיס
די זון, די ליבע זון,
די איינציקע באַשיצערן
פאַר שלעפער פון דער גאַס.

VI

קרעכצן באַדערנאַכט די אַלטע קלויסטערס
און עס ברומט די נאָטר־דאַם,
ווערן איבער דער ערד די שאָטנס ברייטער
און אַפּאָסטאָלן אין שווערע מאַרמאָרענע קליידער
האַלטן אויפגעהויבן גרינע שימלדיקע הענט.
ס׳חלומען זיך זיי המונות גלויבנדיקע קריסטן
קניענדיקע און פאַרשיכורטע פון ווייריך און געזאַנג.
און דער ווייסער צלם איז געלענט
איבער אַראָפּגעבויגטע קעפּ.
נאָר פאַרטאָג צעפליען זיך די שאָטנס,
עס בלייבן נאָר נעבן די פיס פון הייליקן יאָאַן
צוויי שלאָפעדיקע שלעפערס פון דער נאַכט
מיט הערצער נאַקעטע אַרויף,
און דער ווייסער צלם גנעדיקט זיי
נעבן די פיס פון הייליקן יאָאַן.

VII

איבער סענע זענען בריקן אָנגעזאָטלט
און די ברעגעס זענען איינגעקעלזעוועט אין שטיין.
שלעפט זי שיפן אָנגעלאָדענע אויף איינגעשטילטע וואסערן
בלייבן שיפן אָנגעלאָדענע אין מיטן שטיין.
וואָלט מען אָט אזוי געוואָלט די וואָלגאַ קעלזעווען,
וואָלט זי ברומענדיק אַראָפּגעלעקט די שטאָט.
נאָר די סענע גרינט מיט איינגעשטילטע וואסערן
נאָר די סענע האָלט דעם אָטעם איין
און שלאָפט.
אויך א שיכור א באנאכטיקער
שלאָפט אונטערן דאך פון בריק
ס'איז ביז טאָג ביז ליכטיקן א שעה נאָך דאָ
און צום וואסער איז פאַראַן א טריט.
איינגעהילט דעם קאָפּ אין בײדע הענט
איז דערווײלע וואַרעם אים און גוט,
ס'איז ביז טאָג ביז ליכטיקן א שעה נאָך דאָ
און צום וואסער איז פאַראַן א טריט.

VIII

באַ דר'ערד אַ נידעריקער פּלויט,
און פעלדער אונטער בלויער ווייכקייט גרינען,
קומט מײַן בליק דער אָפּענער צו רו,
און די פּיס אָן אָפּהאַלט גייען.
ציט דער וועג זיך סתם אַזוי,
פּירט אין ערגעץ ניט, נאָר צו מײַן האַרץ,
און די ליפּן הויבן אָן צו בליִען,
רעדן אויס דאָס ניט דערדערטע וואָרט.
הערן פעלדער אויפמערקזאַם זיך צו צו מײַנע רייד
און ענטפערן מיט שטילקייט און מיט דורכזיכטיקן רוים,
קומען מײַנע ווערטער צוריק צו מיר צופליִען
און פאַלן צו, ווי זומערפייגעלעך צום קלייד.
באַ פּראָסטע מענטשן עס איך ברויט מיט האָניק
און ס'קומט דער ריח אין מײַן מויל פון פעלד און בינען,
און ווערטער לויטערע ווי שטערן,
און וואַרעמע ווי זון אין מיטן דרינען.

IX

ס׳איז גוט דעם קאָפּ באַהאַלטן אין אַ סקירדע היי,
און איינשלאָפֿן פֿון שמעקעדיקן גראָז.
און ס׳חלומט זיך אַ פֿעלד, און האָז
און אַלץ וואָס ליב איז הערן און געדענקען,
נאָר ס׳שטעלט אַ קראָ זיך אויפֿן סקירדע אויפֿן שפּיץ,
און עפֿנט אויף אַ הייזעריקן מויל אַ ברייטן,
און קראַקעט אויס, אַז ס׳איז שוין שפּעטער הערבסט,
אַז ס׳זענען פֿעלדער וויסט
און פּוסט זענען די בייטן,
און ווען דער ערשטער שניי וועט פֿאַלן
וועט גרוי ווערן דער קאָפּ,
און ס׳וועט די ליפּ די אויבערשטע זיך אָנהויבן צו קנייטשן.

X

עס האָט זיך איצטער ווינטער־צייט פאַרשמעקט מיר
די ערב פּסח׳דיקע לויטערקייט פון נעכט
און מילדע וואַרעמקייט פון דינעם זיידענעם רעגן,
און ס׳גלאַנצעדיקע שטראַלונג פון מיין קינדערישן קלייד
גייט אום דאָ אפשר נאָענט אליהו,
און גייענדיק לאָזט פאַלן וואו א זיסן וואָרט,
איך האָב געוואַרט אויף אים אין קינדער נעכט אין העלע
יאָר איין יאָר אויס נעבן זיין כוס,
און טרעפן אים איז נאָך ביי מיר א האָפנונג געבליבן.
אויב ס׳וועלן שויבן טונקעלע זיך אָנצינדן און ווערן העל
און שטומע הערצער וועלן זיך צעוויגן ווי א זינגעדיקער וואַלד
וועל איך דעם פּנים צולייגן צו ד׳ערד,
ווייל נאָענט וועט אומגיין אפשר אליהו.

XI

פֿאַר איך מיט דער באַן אויף מערבֿ,
בלאָזן אויף זיך אַרבל פֿון מײַן לײַכטן קלייד, ווי זעגלען
יאָגן זיך אַנקעגן פֿעלדער,
שוואַרצע,
פֿעטע,
אויפֿגעשניטענע פֿון אַקער.
פֿעלדער, וועמען טראָגט איר גוטס און זאַטקייט?
און פֿאַר מײַן פֿאַרבליבענער משפּחה וועט אַ ברויט אַ שוואַרצער
אַ סטאַיען?

פֿאַר איך מיט דער באַן אויף מערבֿ.
לויפֿן ווינטן פֿאַר מײַן פּנים.
הויבן אויף די האָר זיך אויף מײַן קאָפּ,
ווי רופֿנדיקע האָרנס:
ווינטן, וועמען זוכט איר!
אפֿשר טראָגט איר מיר אַ בשורה?
פֿון אַן אָרט, וואָס וועט אַ היים מיר ווערן,
פֿון אַ ערד אַ מילדע און געטרײַע.
פֿאַר איך מיט דער באַן אויף מערבֿ.
קומען מיר אַנטקעגן הײַזלעך רואיקע
מיט פֿעלד און וואַלד באַזאָרגטע,
האָט איר וואו פֿאַר מיר ערגעץ געלאָזט אַ טיר און פֿענסטער
צי אַזוינע נישט געפֿונען?
פֿאַר איך מיט דער באַן אויף מערבֿ
בלאָזן אויף זיך אַרבל פֿון מײַן לײַכטן קלייד,
ווי זעגלען.

אָטוואָצק

I

ווילעם עגונות פּאַרלאָזטע פון מענטש און פון וואווינען.
נידעריק פּלויטן ס׳דאָ קיינער ניט קומען,
אף גנבענען עפּעס ביינאַכט.
וועגעלעך שמאָלע — פאַרגליווערטע פינגער אין פּאַרק
און בוימער מצבות פון עמיצנס אויסגעשפּעט האַרץ.
ניט קיין טראָט. ניט קיין קול.
כאָ — כאָ — כאָ — הילכט א הוסט פון אן אָפענעם
פענסטער אַרויס.

ס׳גייט דאָרט עמיצער אוים.
איז מיין האַרץ דאָ אַ גאַסט.
אַ צעשראָקענע האַסטיק צעיאָגט עס מיין בלוט.
איך בין דאָ?
דאָ, דאָ, דאָ קלאַפּט מיין האַרץ,
איז די ערד דאָ פאַרקאַמט מיט׳ן שניי און פאַרגלעט,
און ס׳האָט קיינער מיט טריט ניט צעפּודלט דעם וועג
נאָר אַ הענדלער גיט הילכיק אמאָל אַ געשריי:
„פּאָמעראַנצן ווער קויפט?“
שטעקט אַרוים זיך אַ האַנט — שוין
אן אָפּגעוועלקט בלאַט:

Proszę mnie.

II

מיר זענען קראַנקע דאָ — אַ מחנה
היישעריקן צוגעפּאַלענע צו ווייסקייט פון דעם
ווינטערדיקן וואַלד.
מיט מיילער אָפענע אין פולן אָטעם,
ווי הייזעריקע פידלען ציען מיר אַ וואָרט,
אין טיכער איינגעהילט, מיט פיבערדיקע אויגן,
ווער דאַרף אונז נאָך?
און וואָס קענען מיר טויגן?
ס'פאַרהויבן סאָסנעס הויך אַרויף די צווייגן,
כּדי אונז ניט באַרירן,
כּדי אונז מיידן, מיידן.
מיר גוואַלטעווען דעם וואַלד,
און שפּייען בלוט אַריין צו זיינע שמעקעדיקע וואָרצלען,
דערפאַר באַוועגן זיך ביינאַכט די ביימער און דערציילן,
ווי גרוים עס איז דאָ דער בית־עולם,
און שפּאָטן נאָך בא גוסס'ע דעם
לעצטן שאָטן פון געראַנק,
מיט גרוים געוויקס, מיט פעטן שטאַם
און טויזנט יאָרעדיקן לעבן.
בין איך דאָ אויך... אַ איינע.
אַ קראַנקע איינגעהילט אין טוך,
און טרעט פאַמעלעך אינם שניי צווישן ביימער
און ס'ווייסט ניט קיינער
אַז איך בין עס דאָך, איך.

III

ס'איז נאָך אַ פענסטער אָפן דאָ,
און נאָך אַ פּייערל אַ רויטס אין פינסטערניש באַנאַכט,
איך וווין דאָ:
אין ווינטערדיקע לאַנגע נעכט,
בין איך געווען דאָ אין געפענגעניש,
גערולדיק אויסגעהערט דאָס מיטגעפיל פון פריינט,
און עלנט געשפּאַצירט פון וואַנט צו וואַנט.
אַ טרייסט נאָך, ס'האָט דעמאָלט איינער מיר געליבט
און צערטלעך פלעגט אוועקשאַרן אַ פּאַסמע האָר
בא מיר פון אויג.
און ערשט בין ווידער דאָ,
אַטוואַצק האָט מיר געבראַכט מיט פיבערדיקע דראַאונגען
פון טויט,
נקמה פאַר מיין גיכן טראָט,
פאַר לויפן איבער בערג,
פאַר קייקלען זיך אַראָפּ מיט הילכיקן געשריי,
האָט מיך געבראַכט אַטוואַצק,
אויף שמאָלע וועגעלעך, פאַרטראַכטן זיך אויף בלייבע נעכט
און זען ווי מ'גייט אויס אויף לופטיקע וועראַנדעס,
און וועגן זיך דאָס לייב אויף פונט און לויט,
אַט ווי אַ קעלבל ערב שחיטה צייט.
ס'איז נאָך אַ פענסטער אָפן דאָ,
און נאָך אַ פּייערל אַ רויטס אין פינסטערניש באַנאַכט
איך וואוין דאָ.

IV

מ׳קומט אהער נאָך שמייכלענדיק,
ווי גוטע פריינט געאָרעמט מיטן טויט,
פון שטורמישן וואקזאל ארויס,
און קליידער מאָדישע
און אין פּאַריזשער היט.
ס׳איז אַ קוראָרט.
יונגע קומען, שפּאַנען הפקרדיק אריין,
אין באַרדיקער אין גרינער שטאָט,
און ווערן דאָרט פארשוואונדן, און פארפאלן.
און ס׳בלייבט פּאַמעלעך אויס
א בליענדיק געזיכט,
און שפּיציק ווערט אַ מיידלש קיילעכדיקע קני.
ווי יורדים נאָך אַ גרויסן רעשיקן יריד,
שלעפּט מען זיך אַרום דאָ הין און צוריק.
און הייסע פינגערלעך פאלן צו אַמאָל
צום ברוינעם שטאַם פון בוים,
ווי ס׳וואָלט געבעטן זיך אַ יונגע האַרץ
בּאַ בוימער פון דעם וואַלד:
רעטונג, רעטונג!
און ס׳ליגט אַ גאַנצע שטאָט
אין אויסגעהייליקטע פאר טויט,

מיט וועגן אָפּענע,
און באַנען — פּיאַווקעס צוגעזויגענע ביים זייט,
און ס׳קאָן פון דאָרטן קיינער נישט אנטלויפן.
און איך בין אויך אַן אויסגעבאָרענע אהער געקומען,
אין ווייסן וועש,
א זבח פאַרן וואַלד,
פון שטעט און וואנדער.
נאָר ס׳זענען עלאסטיש פריש
בא מיר די אָדערן און בלוט.
און אפשר, כ׳וועל די איינציקע אַנטלויפן
פון שטאָט געהייליקטער פאַר טויט.

V

זיץ איך אזוי אָפּט אַ פּוס איבער אַ פּוס.
און קוק דעם רעגן אָן — און הער אים אויס.
און ווי אַ הונט פאַלט אָן,
דערקייקלט זיך פון ערגעץ וואו אַ הוסט.
איך גיב אַ ציטער אָפּ, ווי ס׳וואָלט אַ פליג
אַ ביס געטאָן אין ברעם.
אַטוואָצק דערמאָן איך זיך, אַטוואָצק.
און ס׳פאַלט דאָס האַרץ מיר ערגעץ נידעריק אַראָפּ.
זיץ איך אַזוי אָפּט אַ פּוס איבער אַ פּוס
און קוק דעם רעגן אָן, און הער אים אויס.

VI

איך בין אַ וואַנדער מיידל
אין בענקעניש איז אויסגעאיבּט מיין האַרץ.
און ווען ס׳עסט אויף דער טאָג די טויען פון באַנאַכט,
פאַרשאַר איך דאָס ווייסע פאָרהאַנגל בּא מיר אין שויבּ,
כ׳קוק אָן אַ נייע גאַס.
און ס׳ליגט פאַרקנוילט
אין ווינקעלע בּיי מיר פון האַרץ
אַזאַ מין ציטעריק גערדאַנק:
און טאָמער וועט מיך קיינער דאָ ניט וועלן ליבּן
און טאָמער וועט מיר קיינער דאָ ניט וועלן זיין באַקאַנט!
נאָר גאָט בּאַהיט!
ווי רעגנס אָנגעלאָדן הענגען שטענדיק אין דער לופט,
און פאַלן אומגעריכט אַ שפּע אויף דער ערד,
אַזוי איז פאַר מיר יעדע נייע שטאָט,
אַזוי איז פאַר מיר יעדער נייער אָרט.
און כ׳ווייס שוין נישט, פילפאַכיק איז מיין לייבּ.
ס׳וואַקסט יעדעס יאָר יאָין מיר אַ נייער רונג ווי אין אַ בּוים,
איך בין מאַזאַיש אויסגעוועבט פון אויפגיין און פאַרגיין
איך בּין אַ וואַנדער מיידל,
אין בענקעניש איז אויסגעאיבּט מיין האַרץ.

VII

געזונטערהייט, עס האָבן מיינע חברטעס
שוין קינדער פּיצעלעך אין ווייסע וויגן
און בויגן צערטלעך זיך צו זיי
מיט שטילע מאַמישע געזיכטער,
מיט ברוסטן נאַקעטע און פולע —,
אויסגעגאַנגען דאָס מיידלש לעבן.
און קוקן שטיל צו מיר אריבער,
מיט פייכטן גלאַנץ און טונקלדיקע בליקן,
ווי שוואַרצער קוק פון וואַסער הערבסט
ערב פאַרפרירן.
עס ענדיקן די טעג זיך ניט בא זיי
מיט גליקלעכע פאַרנאַכטן,
אָדער מיט לאַנגן שלעפעניש אויף גאַסן,
אין וויסטן שמייכל אויף די ליפּן,
ווי ס'טרעפט בא מיר.
און שלאָפן שטיל מיט רונדע פּנימער,
אויף בייכיקע אויף ווייסע קישנס,
און שטרעקן אויס אַ שלעפערדיקע האַנט צום וויג.
און האָבן ניט אין בין השמשות פון פאַרטאָגן,
קיין אויסגעבלייכטן בליק
צו גרויער שויב,
פאַר עמיצנס אַ ניט דערזאָגטן וואָרט,
אָדער אַ שמייכל ווערטס
וואָס חזרט זיך מיר איבער אויף די ליפּן.
עס האָבן מיינע חברטעס שוין קינדער פּיצעלעך
אין ווייסע וויגן.
געזונטערהייט!

VIII

איך בלייב אַ ווײַלע אויפֿן שוועל
אַט פּונקט אַזוי, ווי ער איז נעכטן דאָ געשטאַנען
און שמייכל אַט אַזוי, ווי נעכטן ער.
דערנאָך?
דערנאָך גייט אויף אין מיר אַ טונקלער געפֿיל פֿון אַ געוויסן
און כ׳וועל דאָ שטיין אַט ווי אַ סאָסנע,
צו אַ דעמב,
די הענט אַרויף, ווי בויגעוודיקע צווייגן זענען,
אַט פּונקט אַזוי, ווי ער איז נעכטן דאָ אַ ווײַלינקע געשטאַנען.

בעסקידן

I

ס'האָבן בערג שוין אויסגעבויגן בלויע רוקנס,
רייטן אויף זיי לייכט באַגינענדיקע וואָלקנס,
ציט זיך דער האַרבאַטער קאַראוואַן אַ קעמל נאָך אַ קעמל,
און פאַרגייט אין קילעכדיקן הימל,
ווייל איך צוגיין צו אַ שפּיץ — אַ קאָפּ אַ הויכן,
וויקלען זיך די וועגן אום אַ טאָג אַ גאַנצן,
ביז אויף שטיינער מאָכיקע ווי איסגעבעטע בעט
בלייבט מען שטיין מיט איינגעשטילטע אויגן.

II

דראַפּען זיך טוריסטן דאָ מיט שפּיציקע טשופּאַנעס,
מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס,
און געשמיטע שיך מיט גרויע זאָקן,
קריצן אויף די הענט, ווי נאַפּאָלעאָנען,
און קוקן פון אַ פעלז אַ הויכן אויף די טאָלן.
שפּרינגען באָרוועס אונטער שיקסלעך בערגיקע ווי יונגע ציגן,
מיט קריגלעך מאַלינעס און בלויע לאַכעדיקע אויגן.
בינדן איין די זילבערנע מטבעות אין די העמדער אין די ראָגן
און ווי מוראַשקעס אין וואַלד ווערן פאַרלאָרן.

III

ס׳וויל היינט די באָביע גוראַ פון איר וואָלקן ניט אַרויסגיין,
צוגעטוליעט זיך צום הימל צו דעם גרויען
און פאַרדעקט די פיס מיט שאַלן בלויע
שפרינגען טייכלעך־אָדערלעך און ברומען
לעקנדיק די שטיינער בא די פיס־טריט — אירע,
נאָר די באָביע האַלט נאָך אַלץ דעם קאָפּ
פאַרדרייט אין וואָלקן,
נאָר די באָביע וויל נאָך אַלץ ניט קוקן,
ווערן בערג־לייט אויבעט אָנגעכמורעט,
און פאַררוקן זיך די קיילעכדיקע היטלען ביז די אויגן,
און וואַרימען די הויפנס אָן די רויכערדיקע לולקעס.

IV

שטיל דאָס דאָרף.
ס'היטן בערג פון ביידע זייטן ביז אַרויף די שטילקייט.
הערט מען נאָר פון טייכלעך זייערע
די באַפּעלן און די בשורות.
מיר וועלן היינט דערטרינקען דיינע פעלדער פויער
נעם דאָס קינד, דאָס קלענסטע אויפן אָרעם,
און הויך א נאכטלעגער אויף בארג געפין,
אין ערגעץ אין א פוסטן שייער.
היינט זאָלן פאַסטעכער די פייפלעך פארבאהאַלטן און נישט שפּילן
ווייל זיין וועט פינסטער אויף דער באביא גורא,
און פון מערב גייט א שטורים.
ואיילן שעפסלעך און לויפן צו די בערג צעשראָקן,
און שיקסלעך האָבן אויגן פיל מיט שאָטנס.

V

זעט מען ניט קיין שטוב.
עס בילט אַ הונט נאָר ערגעץ פון דער נאָענט.
און ס'איז פון שטיינער אויסגעלייגט אַ וועג.
מסתם איז צוגעשלאָגן ערגעץ דאָ אַ קרום כאַלופקע,
און ארויפגעוואָרפן איז אַ דאך.
און וויפל דאַרף אַ מענטש פון פרי ביז פינסטער?
אַבי אַ זעקל שטרוי,
אבי א טאָפּ א הילצערנעם מיט פענעצן צושניטן ברויט.
ס'איז וואַסער אונטער יעדן שטיין פאַראַנען,
און שטענדיק איז פאַראַן א שוץ אונטער א בוים.

VI

האָט די אַלטע בעטלערן פון דאָרף קיין זאָרגן.
אויף יעדער וואַנט איז דאָ פון הייליקער מאַריאַ
דאָס געזיכט,
בויגן זיך אַרונטער דאַרע קניען,
און די ליפּן בעטן רו און פאַרגעבונג פאַרן דאָרף
און אַ שטיקל ברויט פאַר זיך.
איז דער הייליקער מאַריאַס פּנים
צו דער בעטלערן דער אַלטער ווייליק,
און עס עפנט זיך אַ נידעריקע טיר,
אַ ווינקל איז פאַראַן וואו אָנלענען דעם שטעקן
און אַ באַנק אַ הילצערנע פאַר איר.

VII

איז דאָ אַמאָל מיט יאָרן הונדערטער צוריק אוואַנדער־וועג
גענוועזן
און יידן לאַנגגעקלײידטע האָבן געוואוסט דעם וועג.
אַ זאַק געטראָגן אויפן רוקן
דאָס איינציק האָב לעם זיך, ביים לייב.
וואוהין אָ, ייד גערולדיקער,
וואוהין מיט אָרעמען פאַרמעגן?
מסתם אין אַנגסטן דורכגעשוואַרצט
פון טשעכיען צו דעם קיסר דעם גנעדיקן פון קראָקע.
באַנאַכט ווערן די בערג פאַרלאָשן,
און שאָטנס דעקן צו אַ וואַנדערדיקן קאָפּ.
עס וואַרט אַ טאָג אַ מאָרגעדיקער,
אַן אומבאַוואוסטער טאָג,
וואָלט ער געבראַכט כאָטש רו און לעבן.
אַהער אין בערג פאַרטראָגן אַן אויסגעפרוואווטע תפילה,
און מיט ליפּן פאַרכטיקע געבעטן
צום גאָט צום איינציקן,
פאַר וועלכן ס׳שפּרינגען בערג ווי הירשן און ווי ציגן.

1926

אין בלויען באַגינען

I

א בלויער באַגינען קומט אָן.
עס בלויט שוין אַ הימל עס קרייט שוין אַ האָן,
מיין בעט איז אַ בלימל אַ ווייסע און בלוי,
און איך בין אויף יאים א געפאלענער טוי.
ס'איז הייס נאָך דער אָטעם
דאָס לייב איז נאָך מיד'
עס שוועבט נאָך פון חלום פון לעצטן א גליד,
כ'שאר אָפּ פון די ליפּן דעם הייס פון דער נאַכט
אַ תפילה אַ ריינע ט'דער טאָג מיר געבראַכט.

II

מיין פארמעגן נישט צו מעסטן נישט צו וועגן,
ליגט צעוואָרפן וואו אויף וועגן,
ליגט באהאַלטן אויף דער וועלט אין אַלע שפּאַלטן.
טויזנט גלעטן אויפן נאַקן,
הייסע קושן אויף די באַקן, ווי די זון.
אויף וועגן ראָגן
ליגט פאַרבונדן און פאַרבאָרגן
קלאַפּן פון מיין יונגן האַרץ,
און חלומות אויף די בעטלעך
אין די שטעט און אין די שטעטלעך
שלאָגן זיך מיט ווייסע פליגל
אויף די האַרטע מויער-ציגל.
מיין פאַרמעגן נישט צו מעסטן,
נישט צו וועגן.

III

בערגלעך, בערגלעך שטילע צוגעטופּעטע,
כ'שטעל מיין טראָט אויף אייך ניט ווילנדיק,
טרעט אייך צו נאָך מער;
שלאָפט איר דאָרטן באַבעם איינגעהויקערטע?
טראַכט איר עפּעס זיידעס גרויע?
און פאַרוואָס איז אַזאַ שטילקייט?
ווער האָט אייך געהייסן טויטע זיך ניט רירן?
איך וועל קומען! אָט וועט הוליען דער בית עולם
כ'וועל אַלויף טאָן
און דעם קבר איבערקערן,
אויסלאַכן די בני־לויה
און מיט מיינע פיס דעם גרוב פאַרשיטן, און פאַרטאַנצן,
מיט די הענט אַ פּאַטש טאָן
און אַרויסרופן די יונגע און די שטאַרקע,
איך וועל קומען אָט וועט הוליען דער בית עולם!

IV

פליען פויגלען מחנות, מחנות,
שרייען עפּעם איבער מיר,
ווייסע פליגל אין דער לופטן,
ווייסע אלע איין קאָליר.
שרייט בא מיר עפּעם אין האַרצן,
זיי א ווידערקול צוריק
ווערט געבאָרן ווייסע לידער,
ווייסע לידער פון מיין גליק

V

ווייסע קוימענס, רויטע דעכער,
גרויע ווענט און פענסטער-לעכער.
אַלע טאָג איז אַלץ דאָס זעלבע,
גרויע, ווייסע, רויטע, געלבע!
אוי אַ פייער זאָל זיי נעמען,
כ'שטיי אויף באַדערנאַכט באַגינען,
גלאַט אַזוי אין מיטן דרינען
כ'גיב אַקוק אויף די דעכער:
ווייסע קוימענס, רויטע דעכער
גרויע ווענט און פענסטער-לעכער.

VI

ס׳פאלן טראָפנס פון מיין דאַך
וועקן מיך און מאַכן וואך,
און זיי ריידן, און זיי בעטן:
מיר זענען דעם רעגנס אויגן,
קום אונז גלעטן, קום אונז גלעטן.
ס׳פאלן טרערן אין מיין בעט
פאלן זיי פון מיינע אויגן,
און איך ווייס ניט וואָס איך בעט,
און איך ווייס ניט וואָס איך בעט.

VII

נעם אַ שטיין און גיב אַ וואַרף
צי אין שטאָט,
צי אין דאָרף,
וואו ער זאָל ניט בלייבן ליגן
ט'עמיצער געזאָגט אַ ליגן.
און דעריבער קומען וואָלקנס איבער שטעטלעך און וועלדער,
און דעריבער ווילדע חיות רייסן שעפעלעך אין פעלדער,
און דעריבער קליינע קינדער וויינען שרייען אין די נעכט,
און דעריבער ווינט און שטורעם דעכער אַ עמינקע ברעכט.

VIII

הערבסט.
פעלדער אָפּגעשאָרענע פאַרוועלקטע
מיט קעפּלעך געגאַרטלטע גאַרבן.
וואָס דולט איך דער ווינט
מיט אַ פּייף און געפּילדער
דערשפּירט שוין אַ הערבסטיקן שטאַרבן?
לאַכט אויס אים זיין פּייפן,
לאַכט אויס אים זיין שרעקן,
נאָך ברייטער,
נאָך נענטער צום הימל ליגן פעלדער אום ווינטער,
און איך וועל אַנטלויפן צו אייך צו די פעלדער
דעם ריח פון ווינטער דערשמעקן.
דערטרונקען געוואָרן די לידער פון שניטער
אין ערגעץ צוזאַמען מיט לאַנגע פאַרנאַכטן,
ניט בענקט נאָך זיי פעלדער,
ווען ווינטער וועט ליגן ווי סאַמעט ווי ווייסער צעוואָרפן
פון שטוב מיין וועל איך צו אייך פעלדער אַנטלויפן.

IX

זיצן זיי און שפּינען
זיבן ווייבער בא דעם ברונעם.
צען פּעדעם ווייסע ווייסע,
שעפּטשען אָן א סוף א מעשה.
זאָגט די ערשטע:
כ׳פּיטער ציגן, ווייסע ציגן,
פאר די קינדער אויף פארוויגן.
זאָגט די צווייטע:
איך פלאנץ בוימער, איך זיי בלומען
פאר די קינדער וואָס׳ן קומען.
זאָגט די דריטע:
איך בויג בויגן, איך שלייף פיילן
אויף זיך שפּילן און פארווײלן.
זאָגט די פערטע:
איך מאַך קייטן, קייטן רונגען
אויף פארבינדן הערצער יונגע.

פינפטע שווייגט;
ציט זיך פּעדעם רויט ווי פונקען
און זי גייט אין ברונען טונקען.
זאָגט די זעקסטע:
איך מאַך מאָס,
איך מאַך וואָג
מעסט איך וועג איך מיין פאַרמאָג.
זאָגט די לעצטע:
פּעדעם קורצע,
פּעדעם ווייסע,
ענדיק איך אַזוי די מעשׂה.

X

אַן אָפֿענער פֿענסטער, אַ בלימל, אַ נאַכט,
עס פֿלאַפּלען די בלעטער.
ס׳איז הערבסט צייט, ס׳איז געל און עס איז נאַס.
פֿון עפּעס וואָס לעבט ניט
און שטאַרבט ניט
וואָס אייביקייט איז
האָב איך דורך די הארבסטיקע בלעטער
געהאַט אַ גרים.

XI

פון פינסטער פון באהעלטעניש בין איך ארויס
און ברייט דער טראָט
פון קליינעם פוס,
און שטאַרק דער קלאַפּ
פון שמאָלן פויסט,
פון פינסטער פון באַהעלטעניש בין איך ארויס.
און כ׳וואַש די הענט,
און הויב צום ערשטן מאָל די אויגן צו דער זון,
און כ׳צינד די ליכט צום וועלט־יום־טוב
די ליכט וואָס דורות לאַנג
האָט מען געצונדן פרום.
כ׳שפּאַן טריט פון שיין,
און פאַרב אין יום־טובדיקע פאַרבן,
די פעדעם וואָס איך וועב אוים און וועב אַריין.

1920

ס'איז היינט א שטילער טאג

I

ס'איז היינט אַ שטילער טאָג,
עס האָבן איינגעשלאָפן מיינע דאגות,
ווי קינדער נאָך א לאנגן וויינען,
און וועלן אויפכאפּן זיך ווידער
הונגעריקע צופאַלן צום כּח.
וועל איך אנטלויפן אין אן אַנדער שטאָט,
און אומבייטן די קליידער
נאָר אומעטום —
גיט אמאָל דער טויט א בליץ פון ווייטן
מ'הערט נאָך ניט דעם דונער
מאַכן מיר א טריט אויף צוריק,
פאר שרעק אַ טריט אויף צריק,
לייקענען די פרויען יאָרן צוויי צו דריי
און באקומען קרומע ליפּן פון ליגן זאָגן,
און מענער בלייבן שטיין די קעפּ צום הארץ פארבראָכן,
ווי איינגעשפּארטע אָקסן.

II

ב׳טראָג העלע זאָקן און מיידלשע לאַקירטע שיך,
נאָר ס׳יאָגן מיך שוין אָן.
די פריע מיטל־יאָרן פון א פרוי,
און איך האָב מורא אָפּקערן אויף הינטן מיין געזיכט,
עס האָבן מענער שטאַרקע פיס,
און שטייען איינגעאַנקערט פעסט אנקעגן צייט,
און דאָך גייען מיר ערגעץ אַלע גלייך,
ווער א טריט פון הינטן
און ווער א טריט פאַראויס.
נאָר פעסטונגען איז דאָ, וואו מענטשן לעבן לאַנג,
דאָס זענען הויכע תפיסות פון די שטעט,
וואוהין מ׳פירט די אויפגעבונטעוועטע קעגן אונז און קעגן גאָט.
עס האָבן יענע ווייסע ווענט
נאָר בלינדע פענסטערלעך מיט בלעך פאַרשלאָגענע פון זון,
נאָר ס׳זעט די תפיסה מיט איר גלאָצעדיקער ווייטקייט
גוט און ווייט.
נעבן אירע שטילע איינגעשמידטע ווענט.

גיי איך דורך אמאָל פאַרטאָג
ווי אין די קינדער יאָרן לעם דער שטעטלדיקער שול
גיט זיכער, צו איז טאַקע דאָרט פּוסט און שטיל
און אפשר שטייט דאָרט עמיצער ביים עמוד
מיט פייערדיקע אויגן דורך די ווענט
געווענדט צו מיר.
ב׳טראַג העלע זאַקן
און מיידלשע לאַקירטע שיך,
נאָר ס׳יאָגן מיך שוין אָן
די פריע מיטל־יאָרן פון א פרוי
און איך האָב מורא אָפּקערן אויף הינטן מיין געזיכט.

III

א סך בין איך געגאַנגען נעבן דיין רעכטן אָרעם,
און געוואַרעמט מיינע פינגער אין דיין האַנט,
אַלע ווערטער נאָנט און וואַרים און באַקאַנט.
ציען זיך פאַר אונז די גאַסן גליקלאַכע דערפרייטע,
ס'לויפט אפריער די לבנה און באַווייזט דעם וועג,
גוט איז זאַלבאַצווייט און נעבן דיין רעכטן אָרעם
גוט איז זאַלבאַצווייט און נעבן דיין רעכטן אָרעם,

1925

IV

קום צו חלום, מאַמע,
כ'האָב באַ קיינעם ניט קיין עצה פרעגן,
אַלץ וואָס ליגט מיר אויפן האַרצן
וויים איך אונטער צוגעמאַכטע אויגן.
חברטעס וועלן באַריידן,
און דער טאַטע וועט נישט וועלן הערן,
און דער מאַן וועט אויסדרייען דעם קאָפּ צום פענסטער.
קום צו חלום, מאַמע,
כ'האָב באַ קיינעם ניט קיין עצה פרעגן.

V

אַ טאָג איז היינט — אַ לאַנגער שמועס ווענן דיר.
אַ נאַכט — אַ שטילער טראַכטן,
אַ וועג — אַ שנירעלע פון דיינע טריט,
אַ שטאָט — אַ האָפענונג דיך טרעפן
און אַלץ אַרום איז שטויב,
וואָס שטערט מיר זען דיך פון דערווייטנס.

VI

און טרעפן דיך וועט לאַנג נאָך זיין פאר מיר א פרייד,
דו וועסט דעם הוט אביסל העכער הויבען,
און איך וועל נאָר א בויג טון מיטן קאָפּ
און שמייכלען ווי געוויינלעך פרויען צו באַקאַנטע,
נאָר די ווייסע ציין באַווייזן.
דערנאָך וועט מיין געדאַנק א פינטל טאָן ווי א פארחלשט־
אויג
און דראָבנע וועט א פּיבער טאָן מיין האַרץ.
און כ׳וועל זיך אומקערן צוריק
און וועל אַוועקגיין נאָך דיינע אָפּגעקילטע טריט.

1923.

ד א ר ש ט.

I

איין טראָפּ, צוויי... נאָך... נאָך
שוין איבער קעפּ,
שוין איבער דעכער
נאָר ס'איז ניט העכער.
ווייט דער הימל,
ווייט,
אונטער וואָלקן,
אונטער אייביקייט.
און שוואַך די הענט
און קורץ די גלידער
און כ'פאַל אַרונטער
און כ'פאַל אַנידער
פון הימל
און פון ווייט.
כ'פאַרשטעל דאָס פּנים
פול מיט שאַנד
פאַר עפּעס פאַר א האַנט,
א שווערע האַנט.

II

דורכגעפּיבּערט איבּער לופט,
צערונצלט זיך אויף ווענט,
אריינגעקוקט אין פענסטער
אַ בּינטל נעכטנס ט'אַנגעבּראַכט
די נאַכט.
האַלבּ נאַקעטע,
האַלבּ טויטע,
אין שטעט פאַרשלאָסענע,
פאַרבּויטע,
יאָרן שוין ווי שניי צעגאַנגענע,
און פנימער מיט צייט פאַרהאָנגענע.
דורכגעפּיבּערט איבּער לופט,
צערונצלט זיך אויף ווענט,
פאַרשוואונדן אינם פענסטער
פון וואַנען און וואוהין?
איר קינדער פון דער פינסטער.

III

אויף מיין יום־טוב קומען טויבע
פּאַטשן מיט די הענט.
ברענגען שטיינער האַרטע, גרויע,
ווי די אויגן ווי די שטומע,
ווי די האַרטע ווענט.
שריי איך זיי אַ וואָרט אין אויער
און די ציינער האַלט פאַרפרעסט,
קוקן זיי ווי טויבע שטיינער, מיינע געסט.

IV

א טרוקענער א דאַרשטיקער ליגט מיין קרוג,
און איך גיי אום איבער די גאַסן
און איך זוך אַ טראָפּן וואַסער
און איך גיי אוים
און איך גיי אוים
נעבן מיין קרוג.
לייג איך מיינע ליפּן
צו די וואָרצלען פון די ביימער,
צי איך זיך מיט אויגן און מיט מויל
צו רעגנס פון דעם הימל,
און ביטער איז מיין צונג פון וואָרצלען פון די ביימער
און דאַרשטיק איז מיין מויל,
און מיד זענען די אויגן צום הימל קוקן,
און כ'זוך מיין קרוג,
און ער איז טרוקן.

V

שווימענדיקע קעפּ
און שפּאַנענדיקע פּיס,
און איילִיקע באַוועגונגען פון הענט.
איך זע ניט קיין געזיכטער.
מ׳קוקט אַראָפּ,
מ׳זוכט אַן אָרט
אויף שטעלן דאָרט
אַ טראָט.
נאָר איניקע געציילטע,
לאַנג געוואַרטע,
שיקן מיר אַ פרעגנדיקן בליק
פון אונטן אויף אַרויף
און שפּאַנען הפקרדיק אָן שרעק
צום גאַס, צום עק.
און ס׳רעדט די גאַס מיט צענדליקער מיט פאַרבן,
וואָכעדיקע, יום־טובדיקע,
כ׳קאָן זיי קוים באַנעמען
מיט פאַרבן־קולות
און מיט קולות־טריט,
וואָס האָבן ניט קיין נעמען.
וואוהין? נאָך וואָס? פאַר וועמען?
מיט אַן אייביק רערעוודיקן מויל,
און מיט אַן אייביק וואָכנדיקן לעבן,
ווייל די גאַס קיין ענטפער מיר נישט געבן.

1920

תפילות.

I

ניט לאָז מיך אונטערגיין,
ווי ס'פאלט אראָפּ א שטיין אויף הארטן גרונט.
און מיינע הענט זאָלן ניט דאַר ווערן,
ווי צווייגלעך פון א בוים,
ווען ס'שלאָגט אראָפּ דער ווינט די לעצטע בלעטער.
און ווען דער שטורים רייסט פון דר'ערד דעם שטויב
מיט כעס און וויען,
זאָל איך נישט זיין די לעצטע פליג,
וואָס צאַפּלט זיך צעשראָקן אויף א שויב.
נישט לאָז מיך אונטערגיין.
כ'האָב אזויפיל געבעט,
נאָר ווי א גראָז דיינס אין ווייטן ווילדן פעלד
פארלירט א קערנדל אין שוים פון דר'ערד
און שטאַרבט אַוועק,
פאַרזיי אין מיר דיין לעבעדיקן אָטעם,
ווי דו פארזייסט א קערנדל אין דר'ערד

II

איך ווייס נאָך ניט צו װעמען,
איך ווייס נאָך ניט פֿאַרװאָס איך בעט,
אַ תּפֿילה ליגט בײַ מיר געבונדן,
און בעט זיך צו אַ גאָט
און בעט זיך צו אַ נאָמען.
איך בעט
אין פֿעלד,
אין רעש פֿון גאַס,
מיט ווינט צוזאַמען, ווען ער לויפֿט מיר פֿאַר די ליפּן.
אַ תּפֿילה ליגט בײַ מיר געבונדן,
און בעט זיך צו אַ גאָט
און בעט זיך צו אַ נאָמען.

III

איך ליג בא דר'ערד,
איך שטיי געקניט
אין רונג פון מיינע האָריזאָנטן,
און שטרעק די הענט
מיט אַ געבעט
צו מערב, ווען די זון פאַרגייט,
צו מזרח, ווען זי גייט דאָרט אויף,
צו יעדער פונק
באַווייזן מיר דאָס ליכט
און העל מאַכן די אויגן
צו יעדעם ווערעמל וואָס גליט אין פינסטערקייט ביינאַכט,
ער זאָל זיין וואונדער ברענגען פאַר מיין האַרץ
און אויסלייזן די פינסטערקייט, וואָס איז אין מיר פאַרמאַכט.

1922

אַ מצבה.

I

זוען ס׳איז מיר קאַלט אין וועג פאַרטאָג,
און כ׳שעם זיך מיט מיין גרין געזיכט אריינפאָרן צו זיך אין שטאָט,
און אויג איז טאָמער וואך שוין אויפן וועג,
און וועט מיין עלנדקייט דערזען
און וועלן אויסמעסטן מיין אומגליק,
אַז דעמאָלט וויים איך מיט מיין גאַנצן ביסל בלוט,
אַז ס׳איז מיין מאַמע טויט,
און ס׳איז ניטאָ שוין מער איר ווארים בעט
אַ גרייטע צוטוליען מיין לײדיק לעבן.
און זאָל איך אפשר דורכפאָרן בא זיך לעם שטוב,
ניט אָפשטעלן דעם וואָגן
און לאָזן פירן זיך צום פעלד,
און דאָרט ביים שטילן בערגל ערד,
אליין זיך גאָר פאר אַ מצבה שטעלן?
און ס׳וועלן מיינע ליפּן שטיל און ווייטאָקדיק זיך קרימען:
„מאַמינקע מאַמינקע מיינע״.

II

איז וואו זאָל איך נאָך לויפֿן וואו,
מיין פּנים טראָגן ווי אַ בלייכן פֿלעק
אין טונקלקייט פֿון שרעקעדיקע נעכט?
קיין ארגענטינע?? צי קאַנאַדע?
און איינשלינגען אַ רייע ליידיקע און שאַטנדיקע טעג
אין ערגעץ אויף אַ פֿרעמדער ערד?
און לאָזן דאָס קליינע שטעטעלע מיט
לעצטן ביסל אייגן בלוט
אויף גאָטס באַראָט.
אַ הפֿקרדיקע שאָף צווישן דערפֿער?
און הערן אין חלומות פֿון די נעכט
ווי מאַמעס וויינען אויף די גאַניקעס
נאָך טעכטער און נאָך זין
אין אומרואיקער פֿרעמד אַוועק
און ווילן ניט צוריק גיין אין די פּוסטע הייזער.
און נעפּלדיק וועט חלומען מיין האַריז,
ווי אונזער גאַניק שוויגט פּאַרוויסט,
נאָר ערגעץ אין אַ ווינקל שטוב
דער טאַטע עלנט אויף אַ בעטל ליגט
מיט פּנים אויפֿגעקנייטשטער הויט
פֿאַר צער פֿון קינדער?
איז וואו זאָל איך נאָך לויפֿן וואו,
מיין פּנים טראָגן ווי אַ בלייכן פֿלעק
אין טונקלקייט פֿון שרעקעדיקע נעכט?

III

אין אונזער גאָרטן שטייען אוים די פּרוכטן,
אַלע יאָר ביז הערבסט ביז שפּעטן,
קנייטשן איין זיך עפּל, ווי אַלטע פּנימער,
שאָקלען זיך,
ביז דער ווינט יאָגט זיי אַרונטער,
שלאָגן זיי ווי גרויסער האָגל אין די שויבן.
און ווען איך ליג פּאַרטאָג
לעם די נישט אויפגעבעטע בעטן פון מיינע שוועסטער,
וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט,
הער איך מחנות קראָען לאָזן זיך צום גראָז אַרונטער,
גיב איך רעשיק אן עפן אויף דעם פענסטער,
זאָל די וויסטקייט הערן,
ס'וואוינט נאָך עמיץ דאָ,
גיבן פויגלען זיך אַ הויב מיט אַ געשריי
און דער טאַטע פון דעם פערטן צימער,
חוי, ווער איז דאָרט?
רופן מיר זיך איבער אין דער ליידיקייט מיט ווידערקולות.

IV

און ווען איך קום אמאָל אהיים צופאָרן
שטעלן שכנות זיך ארום א רעדל ארום מיר,
און וועגן ווי אלטע וואָג־שאָל מיט די קעפּ,
און האָבן נישט פון וועמען ברענגען מיר א גרוס,
און איך שווייג אויך אנקעגן זיי.
דריי איך זיך דערנאָך ארום אין מארק
ווי א פארבלאָנדזשעט שאָף
א טאָג צי צוויי,
דערנאָך פארצי איך א וואָלקע ארום הויט
און ס׳פירט פארטאָג מיך וויגנדיק אוועק א צופעליקע פור,
דער טאַטע בלייבט ווי איינגעפלאַנצט לעם גאַניק שטיין.
און ס׳לייגט זיך אויס א גרויער טוי אויף זיינע האָר.

V

אָ גרוי לאַנד מיט וואָלקנס אייביקע ׳אויף הימל פעלדער,
באַ דיר אין פלאַכן שוים פון ברוינעם זאַמד,
האָב איך געריסן קינדווייז ביים היימיש פלויט
די דאַרע קריגעלעך פון דאָרן.
און אויף אַ דינעם פאַדים קרענצעלעך געניזשעט,
פון ווילדע ארבעסן
וואָס וואַקסן הושכדיק באַ דר׳ערד.
אָ גרוי לאַנד מיט טעמפע קלאַנגען פון די טונקעלע ערלים,
באַ דיר אויף האַרטן פעלד
לעם גריבלדיקע וועגן
האָב איך געזאַפט, געזאַפט און זיך געהויבן,
אָט ווי א וואַסער־בלאַט
וואָס ציט זיך, ציט זיך, ציט זיך ביז אַרויף
ארויס פון זומפיק מוטער־שוים אַרויס.
צו הוילער וועלט,
צו נאַקעטער זון,

צום ווייטן בלויז,
האָבן זיך היימישע וויקעלעך נאָך מיר געצויגן,
די פיסלעך פון אַ האָז וואָס בלאָנדזשעט צווישן קאָרן,
די צווייגלעך פון אַן אַלטן בוים פון אַן עקרה,
די זטיעזשקע אויף די פלאַכע גיישע פעלדער,
און אונזער הימל דער פאַרגרויטער און פאַרגעלטער.
אַ גרוי לאַנד, ווען ס'האָט מיך היים געפאַרבט די דרום זון
מיט חנ'עוודיקע פאַרבן,
און ווען מיין האַלז איז ברוין געוועזן ווי ליטע ערד —
האָב איך געהערט
דעם כליפעדיקן ווינט, וואָס וויגט זיך אויף אַ שפּיץ
פון דיינע ווערבן.
אַ גרוי לאַנד!
אין קרומען פירעק צווישן צוויי הכנעה'דיקע דערפלעך.
ווען נידעריק נעבן זיי פלעגט דורכשנירלען דער באַן,
זיין אַנזאָגיקן רוף פאַרליבט, פאַרליבט
פלעג איך מיט ציטער וואַרטן
וואָס קומט אָן פון אַ דאָרט,
וואָס גייט אין אַ אַהין.
און ערשט, אַז ס'זענען האַרט שוין מיינע ביינער,
און יעדער לאַנד האָב איך אַ פּרילינג שוין פאַרקויפט,
צום ברוינעם פלאַך,
אין נידעריקן שוים,
גיי איך צוריק,
אַראָפּטרייסלען דעם שטויב פון מיינע קליידער.

1923

ליים־גרונט.

I

פאָרן פורן גיישע צום נאָענטן ישוב
צלמען די יונגע שיקסעס די פולע ברוסטן
באַ גריבער פון צעגיעלניע:
היט אוים אונז גאָט פון שלעכטע רוחות.
און ס'ציטערן דערנאָך זייערע ברייטע אַקסלען
אין רויטע קאָפּטעלעך
אויף שאַקלענדיקע פורן
און זיי ווישן זיך מיט הארטע דלאָניעס
דאָס מויל און שטערן.

II

הארט איז זיין קנאָכעדיקער שטעקן
און הארט איז די ליימיקע ערד
בער צעגעלניקס.
קלאַפּט ער מיטן שטעקן ווי מיט א לאַנגן שנאָבל
און ס'ענטפערט אים די ערד מיט א לויטערן קול.
און ער ציילט ווי אן אלטער זייגער זיינע טריט
אויף די שטחים פאַרצעלאַן־ליים.
ביז ס'ווערן זיינע אויגן ווי צוויי פארשימלטע וואסער גריבער
— איין גראָז ניטאָ — שמייכלט בער
אויף דער עקרה'דיקער ערד.
קלאַפּט מיטן שטעקן ווי מיט א לאַנגן שנאָבל
און ס'ענטפערט אים די ערד מיט א לויטערן קול.

III

פיר פאַרעלטערטע טעכטער
ווי ווייסע לאַנגווייליקע גענז
האָט בער צעגעלניק,
באָרן זיי זיך פאַרטאָג אין די ליים־גריבער,
און טוקן זיך שווער, ווי ווייך געפלאָכטן טייג.
ווי לאַנג וועט מען אַזוי די גריבער מעסטן?
פרעגט די עלטסטע:
ווי לאַנג וועט מען אַזוי מעסטן?
ענטפערט דער ליים־גרוב פון דער צווייטער זייט
ליגן זיי אויפן ברעג מיט פולע, צייטיקע לייבער
מיט שטערנס ווי פאַרלעגענער אַלטער זייד.

IV

ברענגען אָן די נעכט אויף דער צעגעלניע לאַנגע שעהן'
און די קוימענס ווען אָפּ פאַרצוקטע יאָרן,
און די טעכטער קאָרטשען זיך ווי קראַנקע קי
און קערן ביז פאַרטאָג די קישעלעך פון איין זייט אויפן צווייטן
אויף קילן זיך דאָס פּנים.
און פּלוצלינג לאַכן אַלע,
און האַלטן אָרעמס נאַקעטע אויף ווייסע העלזער
— בער צעגעלניק ציילט שוין זיינע טריט,
די אוצרות פאַרצעלאָן־ערד.

V

גייט זי אויף אַ דאָרן שטעקן אָנגעלענט
די אַלטע מאַמע.
און ס׳קלעפּט דער ווינט איר אויס די ביינערדיקע קניען,
שווער צו אויסהערן דעם ווינט
פאַר איר שוואַכן קאָפּ,
און זיין אויסגעלאָסן שטורעמען דאָס אײנזאַם הויז
אויף די אויסגעגאָלטע שטחים פאָרצעלאַן ליים.
קומט זי ווי אַ גרויע בעטלערן צום ישוב,
בא די קרובים אָפּזאָגען אַ נאַכט
שאָקלען קרובים מיט די קעפּ,
וויגן אויפן וואַנט זיך לאַנגע שאָטנס
קענען נישט פאַרוויגן דער שלאָפעדיקער מאַמעס צער
פרי נאָך לאָזט זי אויפן טיש אַ קופּערנע מטבע
(קליינוואַרג איז בא לייטן דאָ)
און טראָגט צוריק איר אויסגעדאַגעטן קאָפּ,
ווי אַן אויפגעפּלאָנטערטן קנויל,
צו דעם הויכן צוים פון דער צעגעלניע.

VI

ציען זיך אַ־שורה פֿורן ציגל
שווער און לאַנגזאַם.
און די טעכטער בײַ די פֿענסטער
שפּאַרן אונטער שווער די געמבעס אויף די עלנבויגן
און קוקן נאָך די רויטע פֿורמאַנישע נאַקנס
ביזן לעצטן.
און ס'ציען זיך די בליקן זייערע ווייט אויפֿן וועג אַראָפּ
און בלײַבן הענגען אויף דער גרויער ליידיקייט,
דערנאָך צעגייען זיך די טעכטער איבער צימערן
און בלאָנדזשען לאַנגזאַם איבער די שוועלן,
ווי קראַנקע שאָף
מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן.

VII

יענע נאַכט קרעכצן שלעפעריק די טעכטער פון צעגעלניע:
פאַר שטילן ווייטאָק
און שלאָגן מיט די קעפּ זיך אָן די ווייסע קישנס
און שרייען:
מאַמע, ס׳זויגט אונז אײַן דאָס ליים דאָס נאַסע,
און צאַפּלען זיך אין בעט, ווי גרויסע פיש געכאַפּטע.
לויפט די אַלטע מאַמע א נאַקעטע פון איין בעט צו דעם צווייטן
און שאַרט מיט אַרערדיקער האַנט איבער
אַ רונדיק ווייכן אַקסל,
און רעדט מיט ליפּן בלוילעכע, אַראָפּגעפאַלענע פאַרצערטע
— אויף ווייסטע דערפער, קינד, דײַן שרעק און אומעט.

VIII

נאַכט איז טונקל.
אויסגעלאָשענע און לאַנגע
קאַזאַרמעס איינציקע צעוואָרפֿן דרימלען,
און אויף דער ערד ווייך האָבן זיך אויסגעשפּרייט די שאָטנס.
פֿון צעגעלניע מיטן פֿעלד צו זיי א פֿרוי גייט
טראָט בּאַ טראָט, ווי נאָך אַ בּאַנאַכטיקער לויה.
און פֿאַר איר ווי אַ טונקל אָרון שווימט איר שאָטן.
און פֿאַרטאָג בּלייבּן אויפֿן פֿייכטן זאַמד די קליינע טריט
איינס נעבּן אַנדערן
אויף הין און צריק.

IX

עס זענען ווייסע פֿאַרהאַנגען פֿאַרטאָג אויף שויבן,
ווי צוגעמאַכטע אויגן.
און די טעכטער הויבן שווער די קעפּ,
און שטעכן אויף מיט שפּילקעס ביינערנע
דאָס ביסל אויפגעפּלאָנטערט האָר.
און גוט איז וואָס איז קאַלט דער אייזן פֿון דעם בעט.
דעם שטערן צולענען,
און הערן, ווי עס זויגט אין ערגעץ אין אַ גרוב,
דאָס וואַסער מיט אַ רירעוודיקער צונג די ווייכע ערד.
און האַרט ציען זיך אָן פֿון דער פֿאַרטאָגעדיקער קעלט
צוויי אַפּלען ברוינלעכע
גרייטע פֿאַר אַ קינדס אָן אויסגעשטרעקטן מויל,
און ווייך דער בליק ווערט
ווי דאָס מוטערלעכע צערטלענדיקע אויג.
און ס'קען באַגעגענען אַ בליק אַזאַ,
אַ נישט קיין אויסגעבעטע בעט
מיט קישנס שטייפֿע שטאַרק געפּרווירענע פֿון נאַכט
פֿון אַ שוועסטער וואָס ט'אָוועקגעבלאָנדזשעט ביז פֿאַרטאָג,
אויף זוכן וואו אַ וואַרים לייב,
פֿאַלט דאָס פּנים צו דעם ווייס געוועב פֿון ציך,
און דאָס מויל און ברעמען
און קנייטשן צוויי און דריי,
ווי אותיות פֿאַרבליבענע פֿון אויסגעבלאַקעוועטן כתב.

X

ציילט די יינגסטע טאָכטער אירע וועש
און ס'גליטשן זיך פון אירע קניען
געפּרעסטע לייַלעכער אויף דר'ערד.
און זי האַלט לאַנג צו זיי דעש קאָפּ אראָפּגעבויגן
ווי צו קינות.
צו וואָס דאָס שמעקעדיקע וועש,
אַז ט'געלאָזט איר וויים געלעגער קאַלט אויף ביז פאַרטאָג
און איצט האָט זי פון נאַכט געבראַכט אראָפּגעלאָזטע אַקסלען
און אַ מידקייט אונטער די ברעמען
ערגעץ טיף אין קאָפּ.
ציילט די יינגסטע אירע וועש
און ס'גליטשן זיך פון אירע קניען
געפּרעסטע לייַלעכער אויף דר'ערד.

אָרעמע ווייבער.

I

ארום די נעגל האָבן שווארצע רעמלעך איינגעגעסן זיך אין לייב
ווי בא אַלע ווייבער די פאַראָרעמטע, וואָס שייערן פארברענטע טעפּ.

כ'האָב אויך שוין פינגער געלבלעכע
וואָס טראָגן ביינערדיק אַ קויש.
און אוינן ליידיקע ווי אַן אויסגעטרייסלטער זאק.
באגינען טרעף איך טרעגערינס פון מילך,
מיט קאנען זילבערנע
וואָס ציען זיי די אקסלען נידעריק אראָפּ,
און איינס לעם צווייטן טראָגן מיר אַדורך די שווערע לאסט
ווי שטומע אייזלען איינגעשפּאַנטע,
וואָס האַלטן שווער די קעפּ צו דר'ערד.
כ'האָב אויך שוין פינגער געלבלעכע
וואָס טראָגן ביינערדיק אַ קויש.

II

אין תמוז נאָך פאַלט אמאָל א בלאַט אראָפּ פון בוים,
און אן אומגליק קומט צו פריער צייט
און ברענגט א מאָגערקייט צום לייב.
מיט מיר האָט אויך דער אומגליק פרי גענומען זיך ביים האַנט
ווי ארעסטאַנטן צוזאַמען אויפגעשמיטע אויף א לאַנגן וועג.
גייען מיינע פיס פאַמעלעך,
זוי נישט געצאָלטע בעל מלאכות
אומעטיק און מיד.
אין מיינע חלומדיקע נעכט
בין איך אין א טונקעלער שטוב,
צווישן ווייבער אויסגעמאַטערטע און צוגעפאַלענע צו דר'ערד
און זייערע הענט זענען מיר גוט באַקאַנטע הענט,
מיט נעגל אויסגעשטשורבעטע פאַר אויסגעהאָרעוועטע יאָרן.
כאַפּ איך אויף זיך מיט אן אָפּגעליימטע האַרץ,
און ס'גייען מיינע פיס פאַמעלעך,
ווי נישט געצאָלטע בעל מלאכות אומעטיק און מיד.

III

פרויען טראָגן קאָשיקעס מיט ברויט און מיט קאַרטאָפל,
און זויגעדיקע קינדער בא די בריסטן.
די גרעסערע שוין שפּילן זיך אין ווייסע צייכן,
אָדער ס'שלאָפט א מידע קעפּל
אויף א בערגל זאמד א ווייכן.
אַבצניעריקע טראָגן ווייסע שיך און זאָקן
און שמייכלען צו די אויסגעחלומטע חלומות
צו זיידנס אין די שוי־פענסטער פון ווייטע גאַסן
און צו די גרינע פארקן.
זיי שמייכלען צו די אויסגעחלומטע חלומות.
אויף טונקעלע געלעגערס קרעכצן דאָ די אַלטע
און ווילן עפּעס זען אין די געדיכטע שאָטנס,
טרערענען בא זיי די אויגן
עסן זיי פון שיסלען ערדענע
א טונקל ניט געזעען עסן.

IV

עס הערן זיך די ערשטע רופֿן
פֿון די פֿאַרקויפֿער אין די גאַסן,
און מיך רופֿט אויך מיין טאָג
מיין וועג דער אויסגעשטעלטער
איבער דריי־פֿיר שוועלן,
און ס׳וואַרטן אויף מיר קינדערלעך
מיט ביכלעך און מיט העפֿטן,
מיט שרייעדיקע פּיסקלעך
און באַרוועסדיקע פֿיס.
נאָר זאָל מיין קאָפּ נאָך צופֿאַלן צום קישן,
און זאָלן חלומות קומען לייכטע אין פֿאַרפֿירערישע
צו מיין בעט.
עס ווילן נאָך אַביסל שמייכלען מיינע ליפּן
צו מיינע ליבע חלומדיקע געסט.

V

איז שוין אזוי טייער ברויט אין לאַנד?
וואָס האָט זיי אויפגעטריבן פיר צי פינף אין ראָג,
ווי בלעטער עטלעכע אראָפּגעשלאָגענע פון צווייג,
ווען ס'דרייט זיך מיט זיי אוים א לעצטע דרייעניש דער ווינט,
אויף צייאָגן זיי צו א וואנט
אויף פוילעניש און אונטערגאַנג.
בא איינער אויף די אויפגעשטעלטע עלנבויגן
ווייען זיך די ראָגן פון דעם טוך
א חשוונדיקע ווייעניש
און שלאָגן זיך אָן קלייד.
איז שוין אזוי טייער ברויט אין לאַנד?
אָדער ס'האָט קיין איינע ניט פון זיי קיין אַלטן טאַטן
וואָס זאָל אויפקלעמען א געלע דורכזיכטיקע פויסט?
און אפילו ניט קיין אויסגעדארטע שוועסטער
ערגעץ אין אַ קעלער, אין דער נידער
וואָס זאָל קומען איינמאָל אין אַ רעגן מיט גרויסע שיך
און ארויפגעכאַפּט אַ פּעלצל אויף די אַקסלען
און וואָרענען מיט וויסטעניש פון לעצטע טעג?
קומט אמאָל דער ווינט און וועיט לאנג און טרויעריק,
בא די געזילבערטע און הויכע קנאפּל
און פארגייט בא די געקאלכטע העלזער אינדערהויך.
איז שוין אַזוי טייער ברויט אין לאַנד?
וואָס ט'זיי אויפגעטריבן פיר צי פינף אין ראָג
ווי בלעטער עטלעכע אראָפּגעשלאָגענע פון צווייג?

VI

צום קליינעם שטעטעלע צו מיינעם,
וואָס איז געבליבן שוין כמעט אינגאנצן וויסט,
קער איך זיך אַמאָל, ווי צו אַ מזרח־וואַנט
און בעט פאר זיי פאר אלעמען,
וואָס זענען דאָרט פארבליבן,
עס זענען הייזלעך דאָרט פאראן
וואו מ׳האָט שוין לאנג קיין לאָמפּ נישט אָנגעצונדן,
און אין די ווינקלען זיצן די פארבליבענע
און זאָגן מיטן אלטן נוסח
און בעטן פאר דער אָרעמער חיונה.
נאָר ס׳זענען אַלע וועגן מיט הויכן שניי פאַרוואָרפן
און אלע ברונימער מיט אייז ארומגעפראָרן.
טראָגן יונגע זיך מיט האַרטע זוכעדיקע שנאָבלען אין דער וועלט אוועק,
און אלטע בלייבן אין ווינקלען נישט באלויכטענע אין ערגעץ ליגן.

VII

עס הענגט נאָך אַלץ דאָס בילד פון משה מאַנטעפיאָרי,
א לאַנג פאַרגעלטעס שוין אונטערן גלאָז
אין טאַטנס שטוב אויף מזרחדיקער וואַנט.
אַהער האָב איך געבראַכט
פון בלויער וואַרעמער אוקראַינע
בלייכע און באַרויבטע הענט
און אויגן טונקעלע ווי אויסגעברענטע הײלן,
און חלומות לאַנגע פון וויעדיקע קינדער און פון הינט,
און מיין קאָפּ צום לעבן אַ באַשערטן.
נאָר ס'הענגט דער טויט א נאָנטער,
ווי אַ בגד איבער מיין בעט
אַט נעבן בילד פון משה מונטעפיאָרי
דעם לאַנג פאַרגעלטן שוין אונטערן גלאָז
אין טאַטנס שטוב אויף מזרחדיקער וואַנט.

1925